UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
In Yankev Fridmans Poetishn Hoyf ( In Jacob Friedman’s Poetic Courtyard)

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/19k8n381

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 94(1)

Author
Ziper (Zipper), Yankev (Jacob)

Publication Date
1979-09-01

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

יעקב זיפּער / מאָנטרעאָל

# אין יעקב פרידמאַנס פּאָעטישן הויף

## א.

שוין אַ צייט ווי כ'האָב דאָס געפיל, אַז ס'איז פאַר אונדז אַן ערן־חוב צו זיך אַליין און צו די היגע יידיש־לייענער וואָס פאַר־טיפן זיך נאָך און שעפּן חיות פון קינסט־לערישן וואָרט און געשטאַלט, אַריינצו־לייענען זיך נאָך אַמאָל און איבעראַמאָל אין דעם שאַפן פון דעם אויסער ווי גע־ווינלעכן אייגנאַרטיקן פּאָעט יעקב פריד־מאַן ז"ל. דאָס דאָזיקע געפיל ווערט דער עיקר גענערט פונעם אָפּגעבן זיך אַ חשבון אַז הגם יעקב פרידמאַן האָט זיך געדרוקט אין כמעט אַלע וויכטיקע זשורנאַלן און אַרויסגעגעבן אַכט ביכער לידער און דראַ־מאַטישע פּאָעמעס אין יידיש און צוויי זאַמלונגען אין אַ העברעאישער איבער־זעצונג, און נאָך זיין פריצייטיקער פּטירה איזאין מדינת ישראל דערשינען אַ זאַמ־לונג פון די מערסטע פון זיינע ווערק אין דריי בענדער מיט אַ לענגערן קריטישן אַריינבליק ווי אויך אַ ביבליאָגראַפיע מיט די וויכטיקסטע ביאָגראַפישעדאַטעס גע־שריבן פון יודל מאַרק ע"ה און עס זיינען בכלל געשריבן געוואָרן וועגן אים לענ־גערע און קלענערע אָפּהאַנדלונגען, נאָך זיינען גאָר אַ סך צום באַדויערן נישט געווען באַקאַנט מיט דעם אוצר וואָס זיין שאַפן שטעלט מיט זיך פאָר. גאָר נישט וויניקע באַנוגענען זיך מיט האָבן בלויז געהערט זיין נאָמען און אַנדערע אפילו דאָס אויך נישט. ער איז דאָך קיין מאָל נישט געווען אויף דעם קאָנטינענט און נישט מיטגעאַרבעט אין קיין טאָג־צייטונג.

ס'איז דעריבער כדאי, אַז אין פאַרבינ־דונג מיט דעם וואָס סאיז דאָ נישט לאַנג צוריק געוואָרן פופציק יאָר פון זיין אויפ־שיינען אין דער יידישער ליטעראַטור מיט זיין ערשט ליד און סוף פון הייגטיקן יאָר וועט ווערן זיבן יאָר פון זיין אַזוי פרי־צייטיקער פּטירה, נישט נאָר אָנצינדן אַ זיכרון־ליכטל, נאָר פראַוון יאָרצייט אין גייסט און גוסט פון אַ „הילולא" אויפן חסידישן שטייגער, דורך מאַכן אַ פראַוו פון פאַרטיפן זיך אינעם שאַפן און לעבנס באַנעם פון אָט דעם טיפן בעל־מחשבה און וווּנדערלעכן פּאָעט.

כ'בין נאַטירלעך גאַנץ באַוווּסט ביי זיך אַז צו געבן דאָס פולע בילד דורך איין באַ־גרענעצטן אַריינבליק וואָס קען בלויז אויפנעמען געציילטע אָפּגעקליבענע מאָ־טיוון און שטימונגען איז נישט מעגלעך און ס'איז בכלל נישט דער ריכטיקער דרך אַזוי צו באַנעמען קיין שום פּאָעט, בפרט אַזאַ ווי יעקב פרידמאַן, וועמעס פאַרשידנאַרטיקייט איז פון אַ פאַרנעם און טיף, וואָס מ'דאַרף אים נאָכגיין און נאָכ־פליען אויף קלאָרע און פאַרהוילענע פלאַכן און הייכן, און גאָר אָפט זיך אַריינגראָבן אין תהומיק, אַנסופיקע גרונטן.

מיר וועלן זיך דעריבער באַנוגענען בלויז אין אַלגעמיינע שטריכן פרוּוון אָנ־צייכענען דעם פאַרשיידנאַרטיקן כאַראַק־טער פון זיין שאַפן און נאָר דאָ און דאָרט אָנווינקען אויף אַ דאָמינירנדיקן מאָטיוו.

כ'וויל זיך אָבער דאָ דערלויבן אַ קליי־נעם אָפּווייך מיט אַ פּערזענלעכער דער־מאָנונג, וואָס האָט זיך איינגעקריצט אין זיכרון פון דער ערשטער און צום באַדוי־ערן איין און איינציקער באַגעגעניש מיט אים אין תל־אביב ביי אַ מסיבה לכבוד אַן אָנגעזעענעם יידישן פּאָעט, וועמען ס'איז צוגעטיילט געוואָרן אַ פּרעמיע צום ערשטן מאָל. מיר איז פּונקט אויסגעקומען צו זיצן אַ היפּש ביסל ווייטער פון הויפּט־טיש און צווישן אליעזר שטיינמאַן און יעקב פרידמאַן ע"ה. ווען דער פּאָעט, אויך שוין אויפן עולם האמת, האָט גע־ענדיקט לייענען אַ סעריע לידער, וואָס דער פאַרזיצער, משה גראָס־צימערמאַן ע"ה, האָט אויף זיין שאַרפזיניק, שאַר־מאַנטן, פאָלקסטימלעכן אופן שטאַרק גע־לויבט, האָט שטיינמאַן האַלב אַרויסרופּע־ריש שטיפעריש און האַלב ערנסט אַ שעפּטש געטאָן: „נו, וואָס זאָגט איר עפּעס ר' יעקב?" נאָך אַ פּאָר סעקונדן שווייגן האָט פרידמאַן צוריקגעשעפּטשעט מיט אַ מאָדנער גלעטנדיקער ווייכקייט, ווי

איבערגעבנדיק אַ סוד וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר זיך די גאַנצע צייט: „איר ווייסט דאָך, אַז יעדער פּאָעט זוכט זיך זיין שליסעלע מיט וואָס צו עפענען די טירן פון פאַרהוילענעם. . עס ליגט נישט פון אויבן־אויף" — האָט ער זיך כמעט מיט אַ ציטער צוריקגעצויגן אין שוויגן און געגלעט דאָס קעפּל פון זיין טעכטערל, וואָס ער האָט געהאַלטן לעבן זיך.

„איצט — האָט שוין שטיינמאַן געשעפּטשעט נאָר צו מיר — איז אייך שוין קלאָר וואָס כ'האָב איך נאָך פריער געזאָגט, אַז ער איז מער ווי גלאַט אַן אייניקל וואָס זאָגט נאָך... ."

כ'בין עד היום נישט זיכער צי זייער ביידנס איבערשעפּטשען זיך און דאָס פאַרציטערטע צוריקציען זיך פון פרידמאַנען האָט אַזוי געווירקט אויף מיר, אָדער ווייל ס'איז מיר פון דער נאָענט געווען באַקאַנט דאָס התנהגות און אָנגעלאָדן זאָגן פון דער ריזשינער גזע, האָב איך פּלוצים נישט געזען מער זיין גלאַט אויסגעצערט פּנים און דעם הוילן קאָפּ, אויך זיין פּשוט וואָכעדיקער לבוש אָן וועלכע עס איז פּאָעטישע פּליטערלעך, האָט זיך ווי אָפּגעטאָן פון אים. פאַר די אויגן האָט זיך גאָר געמיניעט, געציילטע סעקונדן בלויז, אַ געשטאַלט אין וויכע זאַמשענע שטיבלעטן מיט ווייסע זאָקן ביז די קני און אַ זיידענע קאַפּאָטע, וואָס שאָרשעט סודותדיק צו אַ פאַרבענקטן שיר השירים ניגון, וואָס כ'האָב מיט יאָרן צוריק געהערט פרייטיק פאַר מנחה פון אַ ריזשינער „אייניקל": „מים רבים לא יוכלו לכבות את האהבה..." האָט זיך דער ניגון מיטן ווייך־גלעטנדיקן קול געטראָגן פון דאָרטן און זיך באַהאָפטן מיטן נאָר וואָס געהערטן פאַרציטערטן שעפּטש.

פון זיך אַליין, נישט פילנדיק אפילו אַז איך מיש זיך אַריין אין עפּעס וואָס כ'בין בלויז צופעליק געווען אַן עדות, האָב איך גענומען איבערדערציילן וואָס כ'האָב אַמאָל געהערט פון מיין טאַטן ז"ל, אַז איינער פון אונדזערע עלטערזיידעס איז געווען דער מלמד פון ריזשינערס קינדער. מיטן יינגסטן פון זיי, אַ בחורל פון באַלד נאָך בר־מצוה, האָט ער געהאַט גרויסע שוועריקייטן. האָט ער זיך מתנצל געווען פאַרן פאָטער, אַז ער קען מער נישט אָנהאַלטן דאָס מלמדות. האָט דער ריזשינער אַריינגערופן דעם תלמיד און אים געפרעגט, פאַרוואָס ער פאַרשאַפט דעם רבין זיינעם חולשת הדעת. האָט דאָס בחורל געענטפערט: „זאָל ער מיך לערנען ווי עס באַדאַרף צו זיין און מיר נישט שטערן די רעיונות..."

— וואָס הייסט?! — זיינען ביידע צוגעשטאַנען צו אים.

— ער פאַרטייטשט מיר אַנדערש ווי איך זע . . .

— דהיינו?! — האָט דער ריזשינער נישט אָפּגעלאָזט.

— ער לערנט מיט מיר די מסכתא „ביצה" (אַרויסגערעדט ,בייעה") און הייסט מיר נאָכזאָגן: „אַן איי וואָס איז געבוירן געוואָרן אום יום־טוב, איז אַ מחלוקת פון בית שמאי און בית הילל."

— וואָס־זשע דען איז דער טייטש? — האָט אים דער ריזשינער אַ גלעט געטאָן אויפן קעפּל.

— ווי נאָר איך דערזע די פיר אותיות פון „ביצה", דערזע איך באותו הרגע „י"ב צירופי הויה" (צוועלף פאַרבינדונגען פון הייליקן נאָמען) און כ'קען דאָס מויל נישט עפענען.

— איר פּראַוועט דאָ אַ באַזונדערן טיש?

— האָט משה גראָס־צימערמאַן אין אַ שפּאַסיקן ערנסט צוגעשפּאַנט צו אונדז — דאָרט אויבנאָן האָט מען זיך שוין אָפּגעפּאַרטיקט מיט דער טיי...

— ווי פאַלט עס גאָר אייך איין — האָט זיך שטיינמאַן צעשמייכלט — מיר זיצן דאָך דאָ אויף פּראָסטע בענקלעך און סאַמע אונטנאָן. . .

— בלויז מעשיות דערציילן מיר זיך דאָ. איר קענט דאָך זיפּערן, ס'איז זיין זכות איצט. אויב איר ווילט אויך הערן, וועט עס אייך קאָסטן גאַנצע דריי גלעזער טיי... — האָט זיך פרידמאַן שטיפּעריש צעשמייכלט.

— אפילו פולע דריי בעכערס וויין, יאַנקעניו, אייערע צירופי אותיות שמעלצט איר דאָך איבער אין קינסטלערישן גינגאָלד, סאַמע כתר מלכות — איז גראָס־צימערמאַן געוואָרן גאָר אויפגעלייגט. דערווייל זיינען אָבער צוגעקומען נאָך אַ

פּאָר מענטשן און צוגעלייגט אַן אויער. האָט זיך פרידמאַן פּלוצים אין גאַנצן פאַרענדערט און אַן אומרואיקער דערלאַנגט גראָס־צימערמאַנען די האַנט און אַ שעפּטש געטאָן: — גייט שוין, גייט ר׳ משה, ס׳איז נישט שייך צו זאָגן אַזוי. עס ווערט דאָך שוין אַ רעדל — האָט ער זיך שנעל צעזעגנט מיט אונדז — שוין צייט פאַר מיר אַהיים צו גיין — האָט ער זיך אַרויסגעשלייכט פון צימער. מער האָב איך אים נישט געזען.

## ב.

און איצט צום עיקר עניין:

אין דער יידישער און העברעישער ליטעראַטור זיינען באַקאַנט אַ צאָל פּאָעטן און פּראָזאַיקער וואָס ציען זייער יחוס פון די אָנגעזעענסטע רביאישע דינאַסטיעס אַזש ביזן בעל שם־טוב, מעזריטשער מגיד און אַנדערע גרויסע תלמידים וועמעס הויפן זיינען געשטאַנען אין פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך פון מזרח־אייראָפּע און פון דאָרט פאַרשפּרייט די תורה פון חסידות. געגנוג צו דערמאָנען בלויז אַ פּאָר פון די מער באַוווסטע, ווי ברוך האַגער, אברהם און יוחנן טווערסקי, ש. שלום, פישל שניאורסאָן און דעם ייִנגסטן צווישן זיי, יעקב פרידמאַן, צו באַנעמען דעם גרויסן צושטייער זייערן צום מאָדערנעם יידישן שאַפן און טיפערן פאַרשטיין פונעם תוך פון חסידות. דורך זייער שאַפן ווערט דער חסידישער דרך געזען פון אינעווייניק אי אין זיין דערהויבענעם פּלי אין די הימלען און אי אין דעם גרונטיקן נאָענט זיין צו דער ערד און די מענטשן אויף איר מיט זייערע שווערע נסיונות, בזיונות און ראַנגלענישן.

ווי זייערע גרויסע זיידעס, פּרווון זיי אויף זייער אייגענעם אופן דערגרונטעווען זיך צו דעם פאַרהוילענעם אין דעם וועלטבאַשאַף און זיין באַשעפער און דעם זין פון דעם בחיר־היצירה, דעם מין מענטש אין זיין פיל־געשטאַלטיקייט. אפילו ווען זיי האָבן זיך דערווייטערט פון דרך החסידות און פרעגן שאַרף אָפּ די טיפע פאַרגלויבטקייט אינעם איינגעשטעלט פאַרהייליקטן סדר העולם און דעם געשטאַלטן ביטחון און אמונה פון די זיידעס, קענען זיי אין דער זעלבער צייט נישט אַנטעמען די אַגנאָסטישע כפירה, וואָס זאָגט זיך לכתחילה אָפּ פון געפינען עפּעס אַ זינען און אַ העכערן ציל אינעם באַשאַף.

עס וואָלט באמת געווען כדאי צו מאַכן אַ מין סך־הכל פון די שאַפונגען פון די אייניקלעך, וואָס האָבן זיך לכאורה דערווייטערט פון זייער שטאַם, און וואָרצלען דאָך טיף אין אים און ברענגען מערסטנס אַרויס די שאַרפע תורות, זאַגעכצן און פּירונג פון די זיידעס. אָבער ווי שוין אויבן אָנגעוויזן, פאַרנעמען מיר זיך איצט נאָר מיטן שאַפן פון יעקב פריידמאַן, „דאָס ייִנגעלע פון גינגאָלד״, ווי ער האָט זיך אַליין באַצייכנט אין איינעם פון זיינע לידער.

מיר הייבן אָן מיט אַ פּאָר לויפיקע ביאָגראַפישע פּרטים: יעקב פרידמאַן איז געבוירן געוואָרן אין 1910 אין מילניצע, גאַליציע. זיין פאָטער, ר׳ שלום יוסף, איז געווען דער מילניצער רבי פון דער ריזשינער גזע. זיין מאַמע מרגלית איז געווען די טאָכטער פון ר׳ מרדכי יוסף, זלאָטאָפּאָליער רבי פון דער טשערנאָבילער גזע. פון פאָטערס צד איז ער געווען דער פערטער דור פון רבי ישראל פון ריזשין און דער זיבעטער דור פונעם מגיד, דער רבי ר׳ בער פון מעזריטש, וואָס האָט איבערגענומען די קרוין פון חסידות פונעם בעש״ט ז״ל; פון דער מאַמעס צד איז ער געווען דער זעקסטער דור פון גרויסן ר׳ נחום פון טשערנאָביל. מיט אַזאַ יחוסקייט דאַרף מען זיך גוט אונטערגאַרטלען צו קענען האַלטן הויך דעם קאָפּ אויף אונדזער עולם השפל.

פרידמאַן האָט דעביוטירט מיט אַ ליד אין די „טשערנאָוויצער בלעטער״ אין 1927. די משפחה האָט דאַן געוווינט איזי טשערנאָוויץ. ער איז דאַן אַלט געווען קוים 17 יאָר. דער נאָמען פון ליד איז „איך ווייס״... ער האָט נאָך דאַמאָלסט, ווייזט אויס, נישט געוווסט וואָס איינער פון זיינע עלטערזיידעס האָט געזאָגט: „דער וואָס ווייסט, זאָגט נישט, און דער וואָס זאָגט, ווייסט נישט...״ דאָס האָט ער ערשט שפּעטער, גאָר שפּעטער באַנומען און זיך געראַנגלט אַ גאַנץ לעבן צו דערוויסן זיך דעם סוד. דורך פאַנטאַסטישע

זעוגעגן און וויזיעס האָט ער פּונקט ווי זיינע זיידעס פֿאַר אים געוואָלט אַנטפּלעקן און באַנעמען דעם גאַנג און דעם זין פֿון דעם רעאַלן און אַפּנעם וואָס מיר זעען און דאָס פֿאַרהוילענע וואָס איז פֿאַרדעקט הינטער פֿאַרשיידן־קאָליריקע שלייערן אָן אַ צאָל.

אין אָנהייב פֿון די דרייסיקער יאָרן האָט ער געוווינט אין וואַרשע. די צווייטע וועלט־מלחמה האָט ער איבערגעלעבט אין דער געטאָ באַרשאַד אין טראַנס־דניסטריע. פֿון 1945 ביז 1947 געלעבט אין בוקאַרעסט, רומעניע. סוף 1947 אַוועק מיט זיין פֿרוי, קעניע, קיין ארץ ישראל „אומלעגאַל" און געבליבן שטעקן אין ציפּערן אין אַ לאַגער. ערשט אין פֿעברואַר 1949 אָנגעקומען קיין מדינת ישראל און זיך איינגעאָרדנט אין אַ קליי־נער ווירטשאַפֿטלעכער נחלה אין בית־דגון. אין 1960 זיך אַריבערגעצויגן קיין רמת אביב וווּ ער האָט געלעבט ביז 1972 מיט זיין פֿרוי און איינציקע טאָכטער. ער איז נפטר געוואָרן נאָך אַ שווערער קראַנ־קייט ו' כסלו, תשל"ג, דעם 12טן נאָוועמ־בער, 1972.

דאָס לעצטע ליד וואָס ער האָט געשריבן אין שפּיטאָל, אין יולי 1972, האָט ער באַצייכנט מיטן נאָמען „קאָשמאַרן" פֿון וועלכן מיר נעמען אַרויס בלויז געציילטע שורות:

„מיר זיצן אויף העסעוו־בעטן, אין שפּי־
טאָלישער טיף־נאַכט.
מיר זיינען מתים וואָס פֿילן נאָך און
טראַכטן.
... די פֿינצטערניש איז דאָ שווער און
האַריק
ווי די פֿעלן פֿון מאַלפּעס. די נאַכט איז
אַ חיה וואָס בלאָנדזשעט אין אין־סוף.
... פֿאַרוואָס איז קיין גאָט נישט פֿאַראַן?
דאָ קיניגט די שאַנד פֿון מענטשלעכן גוף.
דאָס אַמאָליקע יינגעלע פֿון גינגאָלד
ליגט צעלייגט ווי סחורה אין קראָם."

אין דעם ליד צאַפּלט דער שווידער פֿון פֿאַרגיין, פֿון סוף, וועגן וועלכן ער האָט אַזוי פֿיל מאָל פֿריער געאַנט מיט אַנגסט און געפּרוווט אים סובלימירן מיט פֿילאָ־סאָפֿישע צוטראַכטעניש. פֿאַר אונדז איז אָבער איצט דער עיקר דאָס באַקענען זיך מיט די וווּנדערלעכע חלומות און דאַכ־טעניש פֿונעם „יינגעלע פֿון גינגאָלד" אין די אַזוי וויניק באַשערטע יאָרן זיינע, און די קינסטלערישע וועלט וואָס ער האָט פֿאַר זיך אויסגעשפּונען מיטן שווונג פֿון זיין דערהויבענעם שאַפֿונגס־כוח.

אין זיין שאַפֿן איז פֿאַראַן אַ קינסטלע־רישער פֿאַרזוך צו באַשאַפֿן פֿאַר זיך מיט היינטיקע מיטלען אַן אַנהאַלט אין דער פֿאַרהוילנקייט און פֿיל פֿנימדיקייט פֿון אונדזער וועלט. די שמחה פֿון זיין און דער גרויל פֿון פֿאַרגיין, לאָזט אים נישט אָפּ פֿון דער ערשטער פּאָעמע „אָדם", דורך „נוח גרין" און „נפֿילים" ביז די מערסטע פֿון זיינע קלענערע און גרעסע־רע לידער. זיין פּאָעטישע פֿאַנטאַזיע איז איינע פֿון די רייכסטע, וואָס ווערט אויס־געדריקט אין אַ ליריש לויטערן לשון ווי געשליפֿענער קרישטאָל, סיי דורך טיפֿן ערנסט, סיי דורך ביטערן סאַרקאַזם און איראָניע און אפֿילו דורך שפּילעוודיקן גראָטעסק און ליצנישן פּורים־מאַסקאַראַד. אָפֿט איז ער, דאַכט זיך מיר, דער אמתער מאָדערנער יורש פֿון ר' נחמן פֿון בראַצ־לאַוו דורך פֿון דערציילן פֿאַנטאַסטישע מעשהלעך, וואָס זיינען אי דער משל אי דער נמשל, וועלכע וואָרצלען אין דער ערדישער רעאַליטעט און גרייכן מיט זיי־ער סימבאָליק אין דער פֿאַרהוילענער אי־רעאַליטעט. אויף אים איז ווי אָנגעמאָסטן דער פֿאָלקס־אויסדרוק: „ס'איז אַ וועלט מיט וועלטעלעך", און יעדע איינע וועלט ווייזט דיר אַז אליעזר שטיינמאַן איז גע־רעכט געווען, אַז נישט ער זאָגט נאָך זיינע זיידעס, נאָר פֿראַוועט אַן אייגענעם טיש מיט כל טוב.

אַוודאי זיינען דאָ ביי אים שטאַרקע איינפֿלוסן פֿון אַנדערע סיי אין דער פֿאָרם סיי אין אינהאַלט. עס קען דאָך נישט זיין אַנדערש ווען ער רעדט דורכן מויל און געשטאַלט פֿון די ביז גאָר פֿאַרגלויבטע ערנסטע באַכזאַגערס פֿון חסידישע תורות וואָס הייבן דעם מוח און אַנדערע ווי די חסידישע חקרנים, פּינחס און יואל, וועמען די פֿרום־גלויביקע זיינען מבטל און באַ־טראַכטן פֿאַר פּשוטע נאַראָנים. ביי זיי אָבער, ביי די נאַראָנים וואָס חקרענען זיך,

האָט די דערפֿאַרונג פֿון רעאַלן אַרום פֿאַרווישט די אילוזיע פֿון נאַאיווער איינ־געגלויבטקייט אינעם זיכערן גאַנג פֿון דורות. זיי זעען שוין אַנדערע זווּנגען און זאָגן אַרויס זייערע צווייפֿלען דורך תמימותדיקער חקירה און זייער אָפֿט דורך אַ מין פּורימדיקער פֿאַרשטעלעניש טראַגנ־דיק דאָס ליצנישע נאַרן־מיצל ווי אַ שוץ.

מערסטנטייל אָבער איז ער אַליין דער זעער און זאָגער. ער אַליין שטייט אין סאַמע צענטער מיט זיינע היינטיקע שפּי־רונגען און איבערלעבונגען, אָנהאַלטן און וואַקלענישן און ראַנגלענישן מיט דער אמונה צו וועלכער עס ציט אים און צום לייקענען אין דעם „לייקענען" צו דער זעלבער צייט. ער שטעלט די אייביקע קשיות און ווינקט אָן אויף אַ מין סימבאָ־ליש באַרויאיקנדיק ענטפֿער. ער טוט זיך למשל אַ פֿרעג:

„צו וואָס האָט דער בורא
געמאַכט ווײַנען די וועלט?
צו וואָס האָט דער שאַפֿער
געמאַכט זינגען די וועלט?
כדי מיר זאָלן וויינענדיק און זינגענדיק
אויסגיין פֿון ליבשאַפֿט..."

דער דאָזיקער פֿילאָסאָפֿיש מעטאַפֿיזי־שער ענטפֿער מעג זיך טאַקע זיין אין איינ־קלאַנג מיטן דערהויבן פּאַטעטישן ייִדישן וועלט־באַנעם, לאָזט אים אָבער נישט רוען דאָס וואָס ער און זיין דור האָט איבער־געלעבט, און ער דריקט עס אויס אין זיין „ליד צו ניקיטאַן", וואָס שניידט זיך אַריין אין געמיט מיט דער שאַרפֿקייט פֿון אַ חלף און שפּיציקייט פֿון אַ דימענט־נאָדל.

דאָס ליד דאַרף מען לייענען אין גאַנצן, כדי צו באַנעמען אַז די טענה איז נישט נאָר צו ניקיטאַן. מיר אָבער וועלן בלויז ברענגען עטלעכע פֿערזן:

„ניקיטאַ, פֿאַסטעכל מיט לעמער־ווייס,
געדענקסט מיין זיידן נאָך ביים דניעפּר?
ער האָט אויסגעהאַקט אַן „אויג" אין פֿראָסט
און אין כוואַליעס, צו טבילה, זיך געלאָזט.
ער זאָל קענען, אַ לויטערער, פֿאַר גאָט
צו שחרית קומען צו גיין.

אַ פֿלויט לעבן אַ פֿלויט האָבן מיר געוווינט,
מענטשן — שכנים לעבן שכנים.
אפשר געדענקסטו בלויז דעם זיידנס זיבן זין?
איר פֿלעגט צוזאַמען יאָגן טויבן אין די רוימען.
דערנאָך זיינען דעם זיידנס אַלע זיבן זין
אויפגעגאַנגען מיטן רויך פֿון קוימען...

און מיין באָבען, געדענקסטו נישט?
„באָבאַ נאָש",
זי האָט איין מאָל איבער דיין בעט זיך איינגעבויגן,
און דו האָסט געקוואָלן מיט די אויגן
בעת זי האָט געשאָנקען דיך אַ „המן־טאַש".
שפּעטער האָבן היצלעס מיין באָבען
צום ווערבע־בוים געבונדן
און זי אָנגעצונדן ווי אַ בענטש־ליכט
ערב שבת...
וואָס אַרט דיך, ניקיטאַ, אַז אין גליל
לעבט דאָס לעצטע אייניקל דער באָבעס?
אַ מקובל איז ער. אָפּגעזונדערט אין
גלילער בערג.
גאַרט זיין זעל צום תוך פֿון תוכן זיך
דערשלאָגן,
כדי אָן אויסגעלייטערטער קענען זאָגן
„כי טוב" צו „גאָטס פֿאַרשעמטן ווערק"
צי מיינסטו נישט, ניקיטאַ, גערעכט איז
דער מקובל?
„פֿאַרשעמט דאָס ווערק איז פֿון
באַשעפֿער."

און נאָכן איינטענהן מיט ניקיטאַן אַזוי זאַכלעך באַצערט, ברוגזט אין אים די טענה: „און ווו איז דיין רחמים, גאָט?" און „מאי קא משמע לן וועלט?

רופֿט ער טאַקע דעם בורא צום משפּט אינעם „ליד „אַ זעונג" פֿון וועלכן מיר ברענגען נאָר איין פֿערז:

„זע, באַשעפֿער, זע,
וואָס אדמס זין האָבן געטאָן טון מיט
זיך אַליין!
דער וואָלף פֿאַרצוקט נישט דעם וואָלף,
דער לייב דעם לייב נישט,
נאָר דער בן־אדם פֿאַרצוקט האָט זיין
אייגן פֿלייש און ביין.

מיט די לייכטנדיקע ציין פון אייגענער
חכמה
האָט ער זיך אַליין אויפגעפרעסן.

...האהאָ! ווער לאַכט אין דער שטערן־
קאַרעטע?
דו? דו לאַכסט? דו וואָס האָסט באַשאַפן
אונדז?
דו, אונדזער וועכטער?
צי טראָגט דען נישט דער באַשאַפער
אַחריות פאַר זיין ווערק?!"

פון דער דאָזיקער זעונג איז שוין גאָר־נישט אַזוי ווייט צו דערזען זיך אַליין אין אַ גאָרן־מיצל וואָס פאַרקלינגלט זיך מיט אילוזיעס וואָס ער ווייסט אַז זיי זיינען נישט מער ווי אילוזיעס פון אַ פאַר־פירערישן מיראַזש. אין וויגל ליגט גאָר־נישט דאָס „יינגעלע פון גינגאָלד", נאָר אַ ליאַלקע. ער האָט אָבער מורא אַרויס־צושליידערן פון וויגל, ווייל „וואָס טויג אַ וועלט אָן אילוזיע? אָן אַ גאָט?"

און אָט וויל ער גאָר שלום ווערן אי מיטן מענטש, אי מיט גאָט. אינעם ליד „לאָמיר לערנען", עצהט ער:

„לאָמיר לערנען ליב האָבן דעם הימל
אַזוי ווי ער איז, לאָמיר נישט מאָנען פון
דער אויסגעשטערנטקייט
קיין בית־דין של מעלה,
לאָמיר לערנען ליב האָבן דעם מענטשן
אַזוי ווי ער איז —
פלייש און חלום, מער פלייש ווי חלום.
לאָמיר קושן די טרער אין אַכזריותדיקן
אויג.
לאָמיר נעמען דאָס קאַפּל שיינקייט
און מאַכן פרום אַ ברכה:
'דאָס איז אונדזער חלק, און אַ לויב
צו דעם,
וואָס איז אַ שמח בחלקו!'"

אין דער שלווה פון שלום ווערן מיטן באַשאַף ווי ער איז, פאַרזינגט ער זיך פאָלקסטימלעך שפּילעוודיק אינעם ליד „פאַר מיין הייזקע":

„פאַר מיין הייזקע שלאָפט דער ברונעם,
שפּיגלט שטערן אין זיין טיף
און די שטערן זיינען אותיות
פון מיין ליבסטערס ליבע־בריוו..."

דאַן טוט ער תפילה עניוותדיק פאַר־גלויבט:

„איך האָט געטאָן טון אַלץ
וואָס דו האָסט צו א דיכטער־בוים
געבאָטן.
פאַרגיב־זשע, האַר,
אויב ביי אַנדערע ביימער
זיינען די פירות מער געראָטן.
זיסער זייער זאַפט און שענער זייער ציר;
און פאַרשטויס נישט די פרוכט
וואָס איך האָב געטאָן ברענגען פאַר דיר."

אַן אַנדערש מאָל וויל ער גאָר אין גאַנצן אַרויסגיין פון וואָרט צו דער שטילער שטילעניש וואָס איז געווען פאַרן „יהי אור". ער שפּאַצירט אַרום זיין גאָרטן און פאַרכלינייעט זיך מיט די אָטעם־פאַר־כאַפּנדיקע ריחות און אייביקן סוד פון שווייגן, דורך וועלכן ער רופט זיך איבער מיט זיינס גלייכן אין אַ מין ממעמקים פאַרטאַיעטקייט:

„קום, פּאָעט!
לאָמיר אומקערן דאָס בלוט און פלייש
פון ווערטער
צום גופיקן ווערטער־לאַנד.
ס'איז צייט און איבערצייט אַהיים צו.גיין
פאַרריגל די ליפּן מיט שטילקייט.
דעם באַשעפערס ערשטע שיינקייט
שווייגט און איז אייביק אַליין.

(פון ליד „איידער איידער")

שווייגן און אַליינקייט מיינט אָבער אויך מוראדיק־דריקנדיקער עלנט, וואָס ברענגט צו אַפּאַטעטיקער פאַרלוירנקייט. רייסט זיך פון די טיפענישן אַרויס גאָר אַן אַנ־דער תפילה:

„פאַרלאָז מיך נישט, גאָט,
זע, אייזבערג ריגלען אַרום מיינע
מויערן.
די פאַסטעכער וואָס פלעגן פאַשען דאָס
גוטע פי
ביי מיינע גאָרטנדיקע טויערן,
(דיהייליקע פאַסטעכער מיט די שירה־
דיקע פלויערן)
הויערן איצט אַרום די פאַרפרוירענע
שאָף אין אַ קריין

און זעען אויס ווי געשניצטע געטער
פון אייז,
וואָס קוקן פון טויטע שטעט אַרונטער."

..."פאַרלאָז מיך נישט, האַר,
לערן פאַרשטיין מיך די חכמה
פון מקבל זיין גורל און גזר (גזאַר).
ווי מיר, דאָס לשון פאַרשטיי איך נישט
פון ווינטער,
די שפּראַך פון דער שטומקייט.
וואָס זאָל איך טאָן צווישן אייזבערג
אין מוראדיקער, טרויעריקער אַליינ־
קייט?"

אָט אַזוי ראַנגלט ער זיך מיט זיך און מיט גאָט, און ווי אַ בין צו וועלכער ער פאַרגלייכט זיך אָפט, זייגט ער איין די זאַפטן פון אַלץ וואָס ער זעט און קומט אין באַרירונג פון צמחים און דוממים, פון זאַפטיק חיותדיקן און דאַרן־שטעכיקן, פון פאַרגענגלעכן און אייביקן.

פאַר דער דאָזיקער שפּע שטייט דער לייענער פאַרגאַפט. קען קוים דעם אָטעם אָפּכאַפּן און זאָגט אים נאָך מיט זיינע ווערטער אינעם ליד "אין טאַטנס דאַוונ־שטוב" פון וועלכן מיר נעמען אַרויס נאָר עטלעכע פערזן:

..."פאָטער, זאָג איך:
מיינע וועגן זיינען אויך פאַר מיר אַליין
פאַרהוילן.
צי ווייסט דער סוד אַליין צו זיין פאַר־
הוילנטקייט אַ באַשייד?
... צו אַ בין מיט פאַרמאַכטע אויגן איך
בין געגליכן.
איך פלאַטער צווישן צמחים און איך זויג,
נאָר די מראה פון מאָרגנדיקן האָניק,
פאַרבאָרגן איז נאָך איצטער פון מיין
אויג."
..."מיין פאָטער צעעפנט גרויס פאַר־
חידושט זיינע אַפּלען
און לאָזט זיי הענגען ציטערנדיק אויף
מיר.
— געלויבט צו גאָט, זאָגט ער, קענסט
קלעטערן אויף שטאַפּלען...
און עס וועט דער ריזשינער זיידע נישט
שעמען זיך מיט דיר."

צו דעם קענען מיר נאָך צוגעבן, אַז נישט נאָר טוט זיך דער ריזשינער זיידע נישט שעמען מיט אים, נאָר ער טוט נאָך צוגעבן "אַז וויל איז דיר, יאַנקעניו, וואָס האָסט זוכה געווען צו זינגען דיין "שיר המעלות" מיטן ניגון און צושפּיל פון "נעים זמירות ישראל" וואָס אים האָט מען מבטיח געווען: "דוד מלך ישראל חי וקיים" און, יאַנקעניו, וועט אין זיין עניוות און גאָר שטיל, ווי ער פאַרגלייכט עס אַמאָל: "שטיל ווי אין אַ פאַרשלאָסענער קאַרש", נאָכזאָגן אויך דעם אויף אַ ווילע דערוויטערטן פעטער, דעם ליעזוער, ווען ער איז געשטאַנען פאַר זיינע ברידער, די זין פונם זיידן פון ריזשין:

..."ברידער מיינע, איז דען פאַראַן אַן
ערגעץ אַנדערש
ווי גאָט ברוך הוא אין די עולמות זיינע?
פון ווו זאָלסט נישט גיין און וווהין
זאָלסט נישט קומען,
איז עס דאָך סיי ווי סיי אַ גיין פון
כביכול צו כביכול...
נאָר וואָס? אַמאָל זעט דאָס אויס אַ
קאָפּל ניי —
נו, איז דאָך אַברהם אָבינו אויך אַראָפּ
אַ קאָפּל פון פאָטער תרחס דרך...
און אַזוי אויך דער הייליקער חכם פון
אַמסטערדאַם, שפּינאָזע."

יאַנקעניו וועט עס אַזוי זאָגן, ווייל ער האָט אַליין געזען אין איינער פון זיינע האַלב־וואַכע דאַכטענישן אין זייער הויפישן גאָרטן, ווי אַ רויטע לבנה איז אַרויס־געריטן אויף אַ ווייס וואָלקן־פערד און אונטער איר האָט געשליטלט דער גרוי־סער שטערן־שליטן און דערינען זיינען געזעסן דער בעל־שם, דער אַמסטערדאַ־מער און דער ליעזוער, און אין זייערע הענט פידלען מיט מענטשישע צורות. וועגן אָט דער זעונג דערציילט ער אין ליד "אין שליטן" אַזוי:

..."מיין האַרץ כליפּעט פאַר תענוג, בעת
דער בעל־שם האָט אַ שעפּטש געטאָן
פליושיק אין מיין אויער:
דערלאַנג, יאַנקעניו, דעם חסד
שבתפארת..."

און ווייטער הערט ער דעם בעל־שמס רחמימדיקע שטימע:

משה שקליאַר

# דער נדר

(פראַגמענט פון אַ פּאָעמע)

פּאַוואָלינקע האָט שמעון שמיד ווי אויפגעטייעט.
צי זאָל עס זיין די זון פון רוים, איטאַליעס הויפּטשטאָט,
וואָס האָט געשמייכלט אין די אויגן און געסטייעט
פאַר יעדן, וואָס אויף אַלטער ערד געשטעלט אַ טראָט האָט?
דער זומער איז געווען דעמאָלט ביז גאָר אַ הייסער,
געהאָנגען איז אַ שטויב און האָט ווי אַלץ פאַרטריקנט.
קיין זאַך האָט נישט דערמאָנט אין לאַנד דאָרט ביי דער ווייסל,
דער טיבער אפשר בלויז מיט די געשניצטע בריקן.
אינצווישן אָט די בריקן פלעגט ער גערן בלאָנקען,
ביז ערגעץ־ווו אין געסלעך קרומע זיך פאַרלירן,
גלייך ווי אַמאָל אין שטעטל אויף די לאָנקעס —
נאָר דאָרט האָט ער געוווּסט וווהין די וועגן פירן...
ער ווייסט נישט, שמעון, צי אַ צופאַל צי אינסטינקט גאָר,
האָט איין מאָל אים געבראַכט אַהער אויף שפּורן אַלטע
פון יידן־געטאָ, וואָס האָט אויסגעזען פאַרזונקען,
ווייט פון שטאָטישן גערויש, ווי אויסבאַהאַלטן.
און שטיל איז דאָ געווען, אַז ר'האָט געקאָנט דערהערן
אין גאַנג פון אייגענעם טראָט דעם ווידערקול פון צייטן,
ווען יידן פלעגן נאָך אין הייזקעס דאָ זיך מערן
און אין פאַרפאָלגטער דור פאַרביטן האָט אַ צווייטן.

---

"...קום, זעץ זיך אין שליטן צווישן אונדז,
מיר זיינען קלעזמער,
דעם ניגון פון דער וועלט שפּילן מיר..."

דאָס, הייסט עס, איז דער זין און דער גאַנצער אָנהאַלט? און אפשר איז עס אויך דער שליסל צום עפענען און דעשיפרירן די פאַנטאַסטישע שטערן־אותיות וואָס שוועבן אַרום פאַרהוילענע מיטן ווייסן וואָלקן־פערד אונטערן פאַרנעפּלטן הימל וואָס איבער זיין קוואַליקן ברונעם אין היפישן גאָרטן, צווישן די צעבלעטערטע ביימער אין די נאַכטישע לאַנען, ווו ער הערט דאָס פאַרצאַפּלטע קול פון זיין מאַמען:

"...יאַנקעניו, קינד מיינס, נאָך צוועלף שוין, חצות...
וואָס טוסטו אין מיטן נאַכט אין נאַסן גראָז?"

* * * * *

מיט דעם אויבן געזאָגטן און ציטירטן האָבן מיר בלויז מיט אַ קליין לעפּעלע אַ שעפּ געטאָן פון דעם שפּרודלדיקן קוואַל פון יעקב פרידמאַנס שאַפן. מיר האָבן נישט אָנגערירט די ישראל מאָטיוון זיינע, די גרעסערע פּאָעמעס און דראַמאַטישע געשטאַלטן מיט זייערע וווּנדערלעכע זעאונגען, וואָס עפענען אַ פענצטער צו זיין פאַנטאַסטיש קינסטלערישער וועלט. מיר האָבן זיך דאָס מאָל באַנוגנט בלויז מיט דעם כדי צו וועקן דעם חשק ביים לייענער, אַליין אַריינצוגייען אין יעקב פרידמאַנס פּאָעטישן הויף און זיך לאָבן מיט די אויסטערלישע פּירות וואָס געפינען זיך דאָרט.